בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

פסח תשפ"ב
גליון 89

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער**

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה, אַז מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר נָאנְטְקֵייט פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז דוּרְךְ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח. ווִיפִיל צַייט הָאבְּן מִיר גֶעוַוארְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּענְקְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעהָארֶעוֶועט אָנְצוּקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב, יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין דָא.

לָאמִיר זֶען אַ קְלֵיינֶע בְּרִיוו פוּן ר' נָתָן וואוּ עֶר רֶעדְט אַרוּם וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב:

"מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלֵינוּ" הֵייבְּט אָן ר' נָתָן מִיט זַיין בְּרִיוו אַז אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה בִּפְרָט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים אִין דִי יָמִים טוֹבִים הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן גֶעוַואלְדִיגֶע הוֹיכֶע אוּן טִיפֶע דִיבּוּרִים, וֶוערְטֶער וָואס דֶערְקְוִויקְן יֶעדְן אִיד אִין וֶועלְכֶע אָרְט אָדֶער דַּרְגָּא עֶר גֶעפִינְט זִיךְ. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח רֶעדְט דֶער רֶבִּי אַרוּם אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער. לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט אֵיין דִּבּוּר פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר, זַאמְלְט זִיךְ אֵיין אוּן קוּמְט צוּ גֵיין אִין דִי יָמִים טוֹבִים אוּן לוֹיט דִי מִצְוֹת אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט שַׁייכוּת דִי שִׂמְחָה פוּן שָׁלֹשׁ רְגָלִים צוּ דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן אַ גַאנְץ יָאר? אִין תּוֹרָה ל' זֶעעֶן מִיר אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה בַּאקוּמְט אַ אִיד וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה, אוּן דֶער עִיקָר שִׂמְחָה לִיגְט אִין הָאָרֶץ, וַוייל ווִיפִיל מִיר שֶׁעצְן בַּיי אוּנְז אִין הָאָרֶץ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דֶעם בַּאקוּמֶען אוּנְז שִׂמְחָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיט דֶעם טוּעֶן מִיר דֶעם רָצוֹן פוּן אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן יוֹם טוֹב, וַוייל דֶעמָאלְטְס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין פוּנֶעם שִׂמְחָה פוּן יוֹם טוֹב אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.




לָאמִיר זֶען ווִיאַזוֹי ר' נָתָן בֶּעט אִין אַ תְּפִלָּה אוֹיף תּוֹרָה ל' אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָּאטֶער, הָאב אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת מִיט דַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, הֶעלְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי אַלֶע דְרַיי רְגָלִים, פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת, סֻכּוֹת, מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְרֵייד, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט אַלֶערְלֵיי כָּבוֹד אוּן שֵׁיינְקֵייט, מִיט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, מִיט פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער, מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן קֵיין מְלָאכָה וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. מִיר זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אַזוֹי ווִי אַ אִיד דַארְף דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אִין יוֹם טוֹב קוֹדֶשׁ.

המשך אויף זייט 3

*הֶמְשֵׁךְ פוּן פָארִיגְע וָואךְ אִין קוּרְצְן*

רֶבִּי לֵייבּ דֶער רַב פוּן אוּמַאן הָאט גֶעהָאלְפְן דִי גֵיירִים זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין אוּן אוֹיף פֶּסַח הָאט עֶר פַארְוַויילְט מִיט זֵיי, וָוען זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט מִכָּל טוּב וָטוּב.

דִי גֵיירִים זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעלֶערְנְטֶע אוּן שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן. זֵיי הָאבְּן פַארְצֵיילְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט דֶעם סוֹד וויאַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט צוּ וֶועלְן זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין. ווִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר קְלוּגֶע חֶבְרָה הָאבְּן זֵיי לֵיינֶענְדִיג אִין זֵייעֶרֶע גוֹיִ'שֶׁע בִּיכֶער גֶעטְרָאפְן אַסַאךְ זַאכְן וָואס שְׁטִימְט נִישְׁט, עֶס אִיז זִיךְ סוֹתֵר דִי נַארִישֶׁע וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר בַּייבְּל (עַי' תּוֹרָה יז') דָאס הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אֱמֶת, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ דֶערְפְל וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוארְן עֶטְלִיכֶע גֵיירִים, אִינְגֶע מִיט אַלְטֶע, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס, אוּן ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עִבְרִי הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען, פְלֶעגְן זֵיי דַאוֶונֶען בִּתְמִימוּת זֵייעֶרֶע פָּשׁוּטֶ'ע רֵייד וֶוען טְרֶערְן גִיסְט זִיךְ פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן

רֶבִּי נָחוּם שׁוּסְטֶער ז"ל הָאט זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן פְלֶעגְט פָארְן צוּ זֵיי אוּן אִיז אַרִיבֶּער ווְאוֹינֶען אִין זֵייעֶר דֶערְפְל, אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה. זֵיי פְלֶעגְן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אִינְמִיטְן נַאכְט אוּן גֵיין מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. שְׁפֶּעטֶער וֶוען ר' נָחוּם אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִים דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט.

וֶוען דִי קִינְדֶער פוּן ר' נָחוּם הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי שְׁוֶוערֶע בְּשׂוֹרָה אַז זֵייעֶר פָּאטֶער הָאט פַארְלָאזְט דִי וֶועלְט, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּם דָארְף ווֶעלְנְדִיג נֶעמֶען זֵייעֶר פָּאטֶער'ס קֶבֶר אוּן אִים בַּאעֶרְדִיגְן אִין חַארְקוֹב וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, אָבֶּער דִי גֵיירִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט, זָאגְנְדִיג מִיט שְׁטַארְקַייט: "אַזַא צַדִּיק קֶענֶען מִיר לָאזְן אַוֶועקְגֵיין פוּן אוּנְזֶער דֶערְפְל?! נֵיין! בְּשׁוּם אוֹפֶן מִיר לָאזְן נִישְׁט.

~~~

אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח אִין חוּץ לָאָרֶץ פִירְן זִיךְ אַסַאךְ אִידְן צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְס אוּן מֶען מִישְׁט זִיךְ שׁוֹין מִיט שְׁכֵנִים א.ד.ג. וַוייל יוֹם טוֹב פֶּסַח פִירְן זִיךְ גָאר אַסַאךְ אִידְן זִיךְ נִישְׁט צוּ מִישְׁן, דָאס מֵיינְט מֶען עֶסְט נָאר וָואס מֶען קָאכְט אוּן מֶען בַּאקְט אִין שְׁטוּבּ. עֶס זֶענֶען אוֹיךְ פַארְהַאן אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס עֶסְן נִישְׁט קַיין פַאבְּרִיק זַאכְן, נָאר וָואס מֶען מַאכְט אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דִי מִנְהָגִים טוּעֶן דָאס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ שִׂמְחָה אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן נִישְׁט קַיין נֶערְוֶועזְקַייט אָדֶער אַז עֶס פֶעלְט זֵיי עֶפֶּעס פוּנֶעם יוֹם טוֹב, פַארְקֶערְט מֶען שְׁפִּירְט אַ הֵיימִישְׁקַייט אוּן גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דִי עֶסְן אַזוֹי וִוי דֶער תַּם פוּן דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַלֶע טְעָמִים אִין זַיינֶע מַאֲכָלִים.

אֵיין יָאר פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי בַּאזוּכְט אִין שְׁטוּבּ פוּן זַיין טָאכְטֶער אָדְל. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט נִישְׁט בְּרָאקְן קַיין מַצָּה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען לָאזְט דִי מַצָּה זַיין צוּזַאמֶען מִיט וַואסֶער א.ד.ג אָבֶּער אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח מֶעג מֶען שׁוֹין יָא, הָאט זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַרֵיינְגֶעלֵייגְט צְוֵויי קְנֵיידֶעלֶעךְ אִין דִי זוּפּ. הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ אִיר: "דוּ וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס אִיז אִיר גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ זוּן מִיט אַ טָאכְטֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ אוּן זַיין שְׁוֶועסְטֶער רִבְקָה".

~~~

אִין אוּקְרֵיינֶע פְלֶעגְט מֶען זִיךְ פִירְן אִין דִי שַׁבָּתִים צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, צוּ עֶסְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַ שְׁטִיקְל מַצָּה וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן פֶּסַח.

אֵיין טָאג וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פוּן אַ חֲלוּקָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט אַ שְׁוֶוערֶע וֶועגֶעלֶע, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעפִילְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער שְׁלֶעפְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ זָאל מִיר גֶעבְּן הִילְף.

נָאכְן עֶנְדִיגְן מַיין תְּפִלָּה, אִיז אַרִיבֶּער אַ טַאטֶע וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אִיךְ שְׁלֶעפּ זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן מִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶר הָאט מִיר אַהֵיימְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי זַאכְן. גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעקֶענְט זֶען אַז עֶר הֶערְט אוֹיס תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**נַחְמָן, חֵדֶר בְּרֶסְלֶב בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אֵיין טָאג וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג צוּם חֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט מִיר דְרַיי פְּלֶעשֶׁער פַאר אַ סִיּוּם וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר. אַזוֹי וִוי אוּנְז הָאבְּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן אִין אַבִּיסְל אַ וַוייטֶע גֶעגְנְט הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט דִי פְּלֶעשֶׁער אַ לַאנְגֶע צַייט אוֹיף דִי בָּאסֶעס, וֶוען אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דִי זֶעקְל צֶערִיסְן אִין אַ פְּלַאשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ צֶערִיסְן דָאס צְוֵוייטֶע זֶעקְל, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט,



אִיךְ בִּין גְרַאדֶע נָאךְ גַאנְץ אַ אִינְגֶער קִינְד פוּן כִּתָּה ד׳, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען גַאנְץ שְׁוֶוער דִי שְׁלֶעפֶּעַריי, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אוּן זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס אִיךְ לֶערְן אִין אַ חֵדֶר וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן אוֹיף זַיין נָאמֶען.

אִינְמִיטְן אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעהָאלְפְן שְׁלֶעפְּן דִי פְּלֶעשֶׁער, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַ תְּפִלָּה פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל נָאךְ אָנְקוּמֶען פַארְן דַאוֶוענֶען וַוייל דִי וֶועג אוֹיף דִי בָּאס קֶען נֶעמֶען מֶער פוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט אוּן לוֹיט מַיין חֶשְׁבּוֹן הַאלְט מֶען שׁוֹין טִיף אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען.

אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: ״גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה״ הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ גוּטְן שְׁלִיחַ מִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן דַאנְקְן גָאט אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר פַארְן דַאוֶוענֶען!

**חַיִּים, כִּתָּה ד׳ בְּרֶסְלֶב**

דער ריינער קוואל

זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה, הֶעלְף אוּנְז טוּן אַסַאךְ מִצְוֹות אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַז דִי שִׂמְחָה פוּן אַלֶע מִצְוֹות פוּן אַ גַאנְץ יָאר זָאל זִיךְ צוּזַאמְקְלַייבְּן צוּם הֵיילִיגְן הַארְץ, וָואס דָאס אִיז דִי שָׁלֹשׁ רְגָלִים, דוּרְכְדֶעם זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת׳ע שִׂמְחַת יו״ט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דַיין רָצוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט ׳וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶיךָ׳, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן גָאר שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט

המשך פון זייט 1

אִין שִׁיר הַשִּׁירִים ׳נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ׳ אַז דוּ הָאסְט אוּנְז אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן דֶערְהוֹיבְּן הֶעכֶער אַלֶע גוֹיִם.

הֶעלְף אוּנְז צוּ טוּן תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה אוּן גִיכְן זָאלְסְטוּ שׁוֹין שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, זֵיי שׁוֹין מְקַיֵּים דֶעם צוּזָאג פוּן ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״ אוּן זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ דָארְט בִּיקְן צוּ דִיר אִין דִי דְרַיי רְגָלִים אָמֵן וְאָמֵן.

# וָוער לַאדְנְט דֶעם גֵר אוֹיפְן סֵדֶר נאַכְט?!

פוּן אַלְס יוּנְגֶערְהֵייט הָאט ר' יִשְׂרָאֵל קַרְדוּנֶער זַייעֶר גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס, סַיי אִין תּוֹרָה אוּן זַיין תְּפִלָּה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְצֵייגְן פּוּנְקְטְלִיךְ מִיט וָואס צוּ שְׁטִילְן זַיין דָארְשְׁט אוּן זַיין תְּשׁוּקָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב וּבֶן יָחִיד, אַייךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶנְק וַוייסְן וָואס מֶען טוּט וֶוען מֶען פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דַאוֶוענֶען אָדֶער בַּיים לֶערְנֶען? מֶען פָארְט צוּ אַ צַדִּיק! אַזוֹי טַאקֶע הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּן זַיין דוֹר.

פַאר עֶר אִיז אַרַיין צוּ דִי רֶבִּי'ס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ קְוִויטְל, אִין קְוִויטְל הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר בֶּעט נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם! דִי רֶבִּי'ס הָאבְּן זִיךְ זַייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִידְן שְׁרַייבְּן קְוִויטְלֶער בֶּעטְן זֵיי בַּקָשׁוֹת אוּן עֵצוֹת ווִיאַזוֹי צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אָבֶער דֶער ר' יִשְׂרָאֵל, עֶר בֶּעט גָארְנִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן! עֶר ווִיל נָאר יִרְאַת הַשֵּׁם!

עֶטְלִיכֶע פוּן דִי רֶבִּי'ס הָאבְּן אִים צוּלִיבּ דֶעם דֶערְוַוייטֶערְט, נִישְׁט גְלֵייבְּנְדִיג אַז זַיינֶע בַּקָשׁוֹת זֶענֶען מִיט אַן אֱמֶת, אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעוואוּנְטְשְׁן אַ בְּרָכָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם.

אָבֶער ר' יִשְׂרָאֵל הָאט נִישְׁט אַייְנְגֶערוּעט, זַיין זֶעל הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן מִיט שְׁטֶענְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן כִּסּוּפִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי שְׁטֵייט עֶר פַארְלוֹירְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וָואס טוּט מֶען?!

זַיין פָאטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ בַּאוואוּסְטֶער סוֹחֵר. וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פַאר ר' יִשְׂרָאֵל וָועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ גוּט קֶעפְּל צוּ קֶענֶען פִירְן אַזֶעלְכֶע פַארְצְוַוייגְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

אַ גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין שְׁטָאט, אִין זַייטִיגְן גֶעסְל אִיז גֶעוֶוען אַ סְטָארִידְשׁ וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אַלֶע סְחוֹרוֹת. ר' יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט נֶעמֶען מִיט זִיךְ פוּן צַייט צוּ צַייט אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מְשָׁרְתִים מִיט אַ וָואגְן אוּן גֶעפָארְן צוּם סְטָארִידְשׁ צוּ אָנְלָאדֶענֶען דֶעם וָואגְן מִיט סְחוֹרָה, עֶר הָאט אָפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם בַּאדִינֶער צוּרִיק צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר אִיז פַארְבְּלִיבְּן דָארְט צְווִישְׁן דִי גֶעפֶּעק אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעוֵויינְט אַז מֶען זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין פוּן אוֹיבְן אוּן אִים גֶעבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם.




אַזוֹי הָאט עֶר דָארְט פַארְבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת מִיט תְּפִלּוֹת אוּן גֶעבֶּעט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען זַיין טַאטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנוּנְג וָואס עֶר טוּט דָארְט אָפּ, מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ דָארְטְן מִיט דִי בִּיזְנֶעס!

אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט טָאג טֶעגְלִיךְ. בִּיז וֶוען אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶענִישְׁטֶערְט [גֶעגְרַאבְּן] אִין דִי גְנִיזָה פוּן דִי שֵׁמוֹת זֶעק אוּן זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט אַ קְלֵיין סֵפֶר'ל אָן אַ דֶעקְל... עֶר הֵייבְּט אָן לֵיינֶען אוּן דָארְט זֶעט עֶר פַאר זַיינֶע אוֹיגְן

עֶפֶּעס אַ הַבְטָחָה אַז װער עס װעט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך װעט זִיךְ דֶער צַדִּיק מִשְׁתַּדֵּל זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים אַרוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען אֲפִילוּ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דָאס אִיז אַרַיין טִיף אִין הַארְץ פוּן ר' יִשְׂרָאֵל, עֶר װייסְט אָבֶּער נִישְׁט װעלְכֶער צַדִּיק הָאט דָאס צוּגֶעזָאגְט? װייל דֶער סֵפֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין דֶעקֶל, עֶר הָאט קַיינְמָאל בְּעפָאר נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפָּארְשְׁטְן װעגְן דֶעם סֵפֶר בִּיז עֶס אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז אַ סֵפֶר "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אוּן דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן פַאר גְרוֹיסֶע זִינְד...



עֶר ווִיל נָאךְ סְפָרִים פוּן דֶעם צַדִּיק. הָאט עֶר גֶעזוּכְט, נוּ אַז מֶען זוּכְט... טְרֶעפְט מֶען! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעקִילְט זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע הַארְץ וָואס הָאט זַייעֶר ווִיכְטִיג גֶעפָאדֶערְט דִי קַאלְטֶע קְוַואל וַואסֶער צוּ בַּארוּאִיגְן זַיין בֶּענְקֶעדִיגֶע נֶפֶשׁ.

אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז אִים נָאכְנִישְׁט רוּאִיג אוֹיפְן הַארְץ, וואוּ אִיז דִי קֶבֶר פוּן דֶעם צַדִּיק וואוּ מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַזַא מַתָּנָה? אַזַא צוּזָאג.

ווֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דִי שְׁטָאט לַייט הָאבְּן זִיךְ דֶערְווִיסְט אַז ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'נְס דַעַת, הָאבְּן זֵיי לַיידֶער אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רוֹדֵף'ן מִיט אַלֶע סָארְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁרַייעֶרַייעֶן. אַנְשְׁטָאט וָואס עֶר אִיז בִּיז הַיינְט גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא הוֹיכֶע פָּאזִיצְיֶע אוּן גֶעהַאט כָּבוֹד, סַיי אַלְס זַיין קְלוּגְשַׁאפְט אוּן אוֹיךְ זַיין רַייכְקַייט אַלְס גוּטֶער בִּיזְנֶעסְמַאן, אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוָוארְן אַן אָפְּגֶעפְרֶעגְטֶער אוּן פַארְשֶׁעמְטֶער.

אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד ווייסְט אָבֶּער דִי עֵצָה פוּן תּוֹרָה ו' "הֶערְן אוּן לַיידְן דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן" דָאס הָאט אוּנְזֶער ר' יִשְׂרָאֵל גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלַייטְן אוֹיף נֶצַח נְצָחִים, עֶס גֵייט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיין אִין אוֹיעֶר דִי אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אַרוּמִיגֶע. מִיט דֶער צַייט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָואר גֶעוָוארְן וֶועגְן דֶעם שְׁטָאט אוּמַאן אוּן אַז דָארְט אִיז דֶער קֶבֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶענוּמֶען שְׁרִיט אוּן גֶעוָואלְט אוֹיסְפִירְן זַיינֶע פְּלֶענֶער אוּן זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן צוּם דֶעם הֵיילִיגְן קְוַואל.

ווֶען זַיינֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן זִיךְ דֶערְווִיסְט הָאבְּן זֵיי אִים צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע שִׁיךְ... דָאס וֶועט אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן ר' יִשְׂרָאֵל! עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זֶעט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן דֶעם תַּכְלִית וָואס עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען אוּן זוֹכֶה זַיין נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן.

ווֶען דִי אַרוּמִיגֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט אָפּ, הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אִים נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן קַיין יְרוּשָּׁה אוּן מֶען זָאל אִים צוּנֶעמֶען אַלֶע טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעוואוּינְט אָנְצוּטוּן אַלְס קִינְד פוּן אַן עוֹשֶׁר. אָבֶּער ר' יִשְׂרָאֵל אֲפִילוּ מִיט זַיינֶע בְּלוֹיזֶע קְלֵיידֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעמַאכְט דֶעם לַאנְגְן וֶועג קַיין אוּמַאן אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְפִילְן זַיינֶע

בַּקָשׁוֹת און רְצוֹנוֹת.

דָאס גֶעמִיט הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן בַּיי ר' יִשְׂרָאֵל נָאכְן בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן, זַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאבְּן בַּאקוּמֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע פְּשַׁט, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען הָאט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַ שְׁטַיין צוּגֵיין פוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן וָוארְט וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל.

ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ בַּאקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט און אִיז גֶעפָארְן צוּם טְשֶׁערִינֶער רָב, וֶועלְכֶער הָאט אִים גָאר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען און פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים און גֶערֶעדְט פוּנֶעם תַּכְלִית. אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז טְשֶׁערִינֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף ר' יִשְׂרָאֵל אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט סוֹף מַעֲשֶׂה פוּן זְבוּב וְעַכָּבִישׁ, וֶועגְן דֶער מֶלֶךְ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת און דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִיר אַלֶע מִינֵי חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף ר' יִשְׂרָאֵל.

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ ר' מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבֶ'ער – אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן – בַּיי וֶועם ר' יִשְׂרָאֵל הָאט בַּאקוּמֶען רוֹב פוּן זַיין תּוֹרָה און אִיז גֶעוָוארְן גָאר גֶעבִּינְדְן מִיט אַ שְׁטַארְקְן קֶשֶׁר, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן ר' מֹשֶׁה הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעהַאלְטְן זַיין יָארְצַייט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד נָאךְ אַ טַאטְן.

וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל'ס פָאטֶער הָאט גֶעזֶען זַיין עֶרְנְסְקַייט און עֶרְלִיכְקֵייט, און נָאכְדֶערְצוּ וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין פָאטֶער נָאכְמֶער וִוי זַיינֶע בְּרוּדֶער, הָאט עֶר חֲרָטָה בַּאקוּמֶען און אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן און מַתִּיר נֶדֶר גֶעוֶוען וֶועגְן דֶער יְרוּשָׁה.

פוּן דָארְט הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעוָואנְדְן זַיינֶע טְרִיט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ עֶר אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען און אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים.

ווִיבַּאלְד זַיין עִיקָר בִּיזְנֶעס אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה! און עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג מִיט הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ הָאט עֶר זִיךְ גֶעצוֹיגְן קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן הַתַּנָּא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, מִיטְנֶעמֶענְדִיג מִיט זִיךְ עֶטְלִיכֶע בְּרוֹיטְן און דָארְט צְווִישְׁן דִי הוֹיכֶע בֶּערְג וִוי קַיין נֶפֶשׁ חַיָּה דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

זַיין גְרוֹיס צְדָקוֹת און אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט פַאר יֶעדְן אִיד אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין לֶעצְטֶע בִּיסְל בְּרוֹיט פַאר אַ צְווייטְן אִין דֶער צַייט וֶוען בַּיי אִים אִין שְׁטוּב אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס הוּנְגֶער. אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער און אַלְמָנוֹת וִיתוֹמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן בַּיים אִים אַ פְּלַאץ, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֵיי אַרַיינֶעמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב און אָנְקְלֵיידְן און שְׁפַּייזְן מִיט דָאס בֶּעסְטֶע און שֶׁענְסְטֶע מֶער פוּן וָואס זַיין אָרִימֶע הַאנְט הָאט פַארְמָאגְט.

יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער הוּנְגֶער, אַסַאךְ אָרֶעמֶעלַייט וָואס קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּב הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ בַּיי ר' יִשְׂרָאֵל אִינְדֶערְהֵיים וֶועלְכֶער הָאט זֵיי גֶערְן אַרַיינְגֶענוּמֶען און זֶענֶען גֶעוֶוען הוֹיפְט מְחוּתָּנִים בַּיי זַיין טִישׁ.

וִוי אוֹיךְ אַסַאךְ קְרַאנְקֶע און קְרֶעצִיגֶע אִידְן וָואס מֶענְטְשְׁן אִין גַאס הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁטֵיין נֶעבְּן זֵיי און זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זֵיי אִיז ר' יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען וִוי אַ טַאטֶע פַאר זֵיי און זֵיי אַרַיינְגֶענוּמֶען און זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי בִּיז זֵיי הָאבְּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּ הַשי"ת דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט אָרָאפּ שְׁרֵייבְּן. ווִיפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג דִי רֵייד צוּ

פַארְצֵיילְן וְוי עֶר הָאט מַפְקִיר גֶעוֶוען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן עִנְיָן.

מִיר וֶועלְן דָא אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אֵיין מַעֲשֶׂה'לֶע מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ מֻשָּׂג פוּן וָואסְפַארַא הֵיילִיגֶער אוּן גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ מֶען רֶעדְט דָא.

עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעפִירְט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אוּן זַיין זוּן ר' אֶלְעָזָר. דָארְט אִין מִירוֹן הָאט עֶר מַקְדִּישׁ גֶעוֶוען זַייעֶר אַסַאךְ שָׁעוֹת, טֶעג אוּן יָארְן הָאט עֶר דָארְט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר וֶוען עֶס הָאט זִיךְ פַארְשְׁטַארְקְט דָארְט זַייעֶר אַ בִּיטֶערֶע קֶעלְט, חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי כּוֹחוֹת צוּ אִיבֶּער טְרָאגְן דִי קֶעלְט הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז מִן הַסְּתָם אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל גֵיין קַיין טְבֶרְיָה אוּן זִיךְ דָארְטְן בַּאזֶעצְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוֶוען זִיכֶער מִיט דֶעם, ווייל וִוי קֶען מֶען אֶפְּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע אָרְט, דֶער הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן? הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן, אוּן וָואס אִיז דֶער רָצוֹן ה'. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט אַ סֵפֶר אוּן גֶעטְרָאפְן אַ רֶמֶז אַז עֶר זָאל יָא פָארְן קַיין טְבֶרְיָה אוּן הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין טְבֶרְיָה הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אַ אִידְל וָואס וִויל וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר בֶּענְקְט דֶערְצוּ, וִוי עֶר אִיז נָאר אָנְקוּמֶען אִין דֶעם אָרְט הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דֶעם אִיד אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט אִים אַ גַאנְצֶע נַאכְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. עֶס אִיז אַרוֹיס אַ טוּמְל אִין דִי גַאסְן וֶוען מֶען הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט אִין שְׁטָאט אַז עֶס אִיז דָא אַ 'פַארְכַאפֶּער' אֵיינֶער וָואס מַאכְט בְּרֶסְלֶב'עֶרְס! הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען גוֹיִם זָאלְן אִים ... עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אָבֶּער ר' יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים דָאס אִיז זַיין טְרֵייסְט.



**אלט שטאט טבריה**

אִינְצְווִישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי טֶעג וָואס דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ צוּ פֶּסַח, הָאט עֶר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר זַיין הוֹיז-גֶעזִוּנְט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן צוּ אִים אוֹיף פֶּסַח ווייל גְלַייךְ בַּיים אָנְגֶעקוּמֶען אִין טְבֶרְיָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַאר דֶעם בַּעַל עֲגָלָה הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע קִישֶׁענֶעס פַאר אַ בַּאלוֹינוּנְג

אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין אַכְסַנְיָה ווייל ר' יִשְׂרָאֵל אַלֵיין אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ! אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן

## ווער לַאדנְט דֶעם גֵר אוֹיפְן סֵדֶר נַאכְט?!

אַז אֵיין בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעטְרָאפְן חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶר אִים אָוועקְגֶעגֶעבְּן אֵיין צִימֶער פוּן זַיין שְׁטוּב, הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעקֶענְט אַבִּיסְל בַּאקְוֶועם מַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דֶער בְּנֵי בַּיִת.

אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאט גֶעבּוּדְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטַארְקֶער הוּנְגֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט וָואס צוּ זִיךְ הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן. דָארְט אִין טְבֶרְיָה אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גֵר וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' אַבְרָהָם דֶער גֵר. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער אוּן בְּרֵייטְבֵּיינֶערְדִיגֶער מֶענְטְש, נִישְׁט ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְש.. זַיינֶע מָאלְצַייטְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן הָאט פַארְנוּמֶען אַזוֹי ווִי אַפָאר מֶענְטְשְׁן!! חוּץ פוּן זַיינֶע דִיקֶע אוּן בְּרֵייטֶע קְלֵיידֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁוַויים הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְמָאגְט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט אַבִּיסְל וַואסֶער זִיךְ אַרוּמְצוּוואַשְׁן.

דֶער גֵר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן ווַייל קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעוואָלְט אַרַיינְנֶעמֶען ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הוּנְגֶער אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא מְסַדֵּר גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט הָאט אָבֶּער ר' אַבְרָהָם זִיךְ גֶעדַארְפְט שַׁאפְן פִיר אָדֶער פִינְף מָאל אַזוֹיפִיל עֶסְן, ווַייל לוֹיט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין גוּף הָאט זִיךְ אִים מֶער פַארְלַאנְגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער אַנְדֶערְש.



אוּן ווִיבַּאלְד זַיינֶע בְּגָדִים זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים אֲפִילוּ אַ רֶגַע, וֶוער וֶועט נֶעמֶען אַזַא מְכוּבָּד'יגֶער גַאסְט, בִּפְרָט יֶעצְט אוֹיף פֶּסַח?

ר' יִשְׂרָאֵל טְרַאכְט נִישְׁט קַיין צְוֵויי, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר קֶען נָאר, אִינְדֶערְצַייט וֶוען עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גַאסְט אִין שְׁטָאט אוּן הָאט קוֹים גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ לֵייגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פֶּעקְלֶעךְ אוּן פַאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה.

עֶר גֵייט אַרִיבֶּער צוּם גֵר אוּן לַאדְנְט אִים אַיין עֶר זָאל קוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט אִים זִיךְ פְרֵייעֶן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח. אָבֶער וואוּ שַׁאפְט מֶען בְּגָדִים פַאר דֶעם גֵר? גְלַייךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעבָארְגְט סְחוֹרָה וָואס עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר אַ שְׁנַיידֶער זָאל מַאכְן דֶערְפוּן שֵׁיינֶע בְּגָדִים פַאר'ן גֵר.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח הָאט עֶר אָנְגֶעטוּן דֶעם גֵר מִיט דִי נַייעֶ בְּגָדִים אַזוֹי ווִי אַ חָתָן בְּיוֹם חֻפָּתוֹ, עֶר הָאט אִים אַוועקְגֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן פוּן טִישׁ, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר וֶוען דֶער גֵר אִיז גֶעזֶעסְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אַזוֹי ווִי אַ קֶענִיג וָואס דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט בַּאלַאנְגְט פַאר אִים. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן זַיין שִׂמְחָה פוּן דֶער גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשַׁאנְקְן אוּן דֶער גֵר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין בִּיטֶערְן מַצָּב! אַזוֹי זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אַרוֹיס אִין אַ טַאנְץ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען מְשֻׁנֶּה פְרֵיילֶעךְ. ר' אַבְרָהָם דֶער גֵר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּקוּמֶען אוּן וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶער פָאלְק וָואס זוּכְט נָאר צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם אוּן מְכוּבָּד'יג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, אַז מִיר זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶער פָאלְק!

# די זיבן בעטלערס

~7~




דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵילִיךְ גִיוֶוען. אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם דָאזִיגְן וָואס אָן הֶענְט. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט אַזוֹי ווִי יֶענֶע. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ קַאלִיקֶע אוֹיף דִי הֶענְט. אִיךְ בִּין גָאר קֵיין קַאלִיקֶע נִיט אוֹיף דִי הֶענְט. אִיךְ הָאבּ יוֹא כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. נָאר אִיךְ נוּץ נִיט מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן מַיינֶע הֶענְט אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין אִיךְ בַּאדַארְף דֶעם כֹּחַ אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס.

וָוארִין אַמָאל זֶענֶען מִיר גִיזֶעסִין אִין אֵיינֶעם עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן. הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער בַּרִימְט מִיט זַיין כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט. דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין גְבוּרָה וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט.

(דְהַיינוּ) אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אוּן אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אַז עֶר שִׁיסְט אוֹיס אַ פַייל. קָאן עֶר זִי וִוידֶער קְרִיק צִיהֶען. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין זַיינֶע הֶענְט אַז חָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיס גִישָׁאסִין דִי פַייל. קָאן עֶר זִי פָארְט נָאךְ אוּמְקֶערִין. עֶר קָאן דִי פַייל צוּרִיק צִיהֶען וִוידֶער צוּ זִיךְ.

הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט. וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס) וָואס פַאר אַ פַייל. קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיהֶען. וָוארִין סֶע אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי פַיילִין. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין. וָוארִין אַז מֶע וִויל שִׁיסִין אַ פַייל. בַּאשְׁמִירְט מֶען זִי מִיט אַ סַם. אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהן אִירְלֵיי סַמִין. וָואס אַז מֶען בַּאשְׁמִירְט. דִי פַייל מִיט דֶעם סַם. אִיז דִי פַייל אַזוֹי מַזִיק. אוּן אַז מֶע בַּאשְׁמִירְט דִי פַייל מִיט אֵיין אַנְדֶער סַם אִיז זִי מֶער מַזִיק. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהן אִירְלֵיי סַמִין. וָואס אִיטְלִיכֶער סַם אִיז אַרְגִיר. דְהַיינוּ עֶר אִיז מֶער מַזִיק. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ מִין פַיילִין קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיהֶען. וִוידֶער הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט צוּ אֵיידֶער דִי פַייל הָאט יֶענֶעם גִיטְרָאפִין קָאן עֶר זִי קְרִיק צִיהֶען. צוּ אַפִילוּ נָאךְ דֶעם אַז דִי פַייל הָאט שׁוֹין יֶענֶעם גִיטְרָאפִין. קָאן עֶר זִי אוֹיךְ צוּרִיק צִיהֶען. אוּן דְרוֹיף הָאט יֶענֶער גִיעֶנְטְפֶערְט. אַז אַפִילוּ דִי פַייל טְרֶעפְט שׁוֹין יֶענֶעם. קָאן אִיךְ זִי אוֹיךְ צוּרִיק צִיהֶען. לוּשְׁמִיר אַ וָואסִיר אַ מִין פַיילִין קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיהֶען.

הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט. הָאט דָאס אוּן דָאס מִין קָאן אִיךְ צוּרִיק צִיהֶען. הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגִירוּפְן (דְהַיינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ אִים. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. אַז דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט קְרִיק צִיהֶען נָאר אֵיין אִירְלֵיי פַיילִין. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט אַז בַּיי וֶועמֶען עֶר נֶעמְט גִיט עֶר (כְּלוֹמֶר

מִיט דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט בַּיי אֵיינֶעם עֶפֶּעס דֶערְמִיט אַלֵיין גִיט עֶר יֶענֶעם) מֵיילֶא אִיז עֶר אַ בַּעַל צְדָקָה. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ צְדָקָה גִיסְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר גִיט מַעֲשֵׂר. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן. אַז סֶע אִיז אַזוֹי. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. וָוארִין דִי קָאנְסְט גָאר צוּ אִיר אָרְט נִיט קוּמֶען. (וַוייל דוּ גִיסְט נָאר מַעֲשֵׂר) וָוארִין דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט אַרַיין גֵיין נָאר אִין אֵיין מוֹיעֶר (דָארְט וִוי דִי בַּת מַלְכָּה זִיצְט) אִיבֶּער דֶעם קָאנְסְטוּ צוּ אִיר נִיט קוּמֶען.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. וָוארִין סֶע פַארְהַאנְדִין מְמוּנִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. (דְהַיינוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען עֶלְצְטֶע וָואס זֵיי הָאבִּין צוּ שַׁאפִין אִיבֶּער אַ שְׁטָאט אָדֶער אִיבֶּער אַ מְדִינָה וְכוּ׳) בַּאדַארְף אִיטְלִיכֶער חָכְמָה. הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. אַז מִיט מַיינֶע הֶענְט קָאן אִיךְ אִים גִיבִּין חָכְמָה. מִיט דֶעם וָואס אִיךְ לֶעהְן אִים אָן מִיט מַיינֶע הֶענְט. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט וָואס אַ חָכְמָה קָאנְסְטוּ גִיבִּין מִיט דַיינֶע הֶענְט. סֶע אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדִין עֲשָׂרָה קַבִּין חָכְמָה (כְּלוֹמֶר צֶעהְן אִירְלֵיי חָכְמוֹת) הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. דִי אוּן דִי חָכְמָה קָאן עֶר גִיבִּין הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ אִים. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. וָוארִין דוּ קָאנְסְט גָאר אִיר דֵעפֶּק נִיט וִויסִין וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי דְפֵייקִין. אוּן דוּ קָאנְסְט נִיט וִויסְן נָאר אֵיין דֵעפֶּק וַוייל דוּ קָאנְסְט נָאר אֵיין חָכְמָה גִיבִּין מִיט דַיינֶע הֶענְט.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּרִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. אַז סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ רוּחַ סְעָרָה (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרְמִים וִוינְט) קָאן עֶר דֶעם שְׁטוּרְמִים וִוינְט פַארְהַאלְטִין מִיט דִי הֶענְט. עֶר קָאן אָנְחַאפִּין מִיט דִי הֶענְט דֶעם שְׁטוּרְמִים וִוינְט אוּן זָאל אִים פַארְהַאלְטִין. אוּן קָאן וִוידֶער מִיט דִי הֶענְט מַאכִין דֶעם וִוינְט מִיט אַ מָאס. אַז סֶע זָאל זַיין אַזוֹי אַ וִוינְט וִוי מֶע בְּדַארְף. אִין דֶער מָאס. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ וִוינְט קָאנְסְטוּ אָנְחַאפִּין מִיט דִי הֶענְט סֶע אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי וִוינְטְן. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. דֶעם אוּן דֶעם וִוינְט. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה.

וָוארִין דוּ קָאנְסְט גָאר דֶעם נִיגוּן פַאר אִיר נִיט שְׁפִּילִין. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי נִיגוּנִים. אוּן אִיר רְפוּאָה פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה. אִיז דוּרְךְ נִיגוּנִים. אוּן דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט שְׁפִּילִין פַאר אִיר נָאר אֵיין נִיגוּן. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן וָואס קָאנְסְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ קָאן וָואס אִיר אַלֶע קָאנְט נִיט דְהַיינוּ אַלֶע נַיין חֲלָקִים פוּן אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. וָואס אִיר קָאנְט זֵיי נִיט. קָאן אִיךְ יוֹא.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מַעֲשֶׂה. וָוארִין אַמָאל הָאט זִיךְ אַ מֶלֶךְ פַאר קָאכִיט אִין אַ בַּת מַלְכָּה הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּרֶעט אוּן הָאט גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת אַז עֶר זָאל זִי חַאפִּין. בִּיז עֶר הָאט זִי דֶערְטַאפְּט. אוּן זִי אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען.

אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִיחָלִימְט. אַז דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִים אוּן הָאט אִים גִיהַרְגִיט. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט. אוּן דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין הַארְצִין אַרַיין. הָאט עֶר גִירוּפִין אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת (דְהַיינוּ דִי וָואס קָאנֶען בַּאשֵׁיידִין דִי חֲלוֹמוֹת) הָאבְּן זֵיי אִים פּוֹתֵר גִיוֶוען אַזוֹי וִוי דֶער פָּשׁוּט אִיז. אַז דֶער חָלוֹם וֶועט מְקוּיָם וֶוערִין כִּפְשׁוּטוֹ. אַז זִי וֶועט אִים הַרְגִינֶען.

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ קֵיין עֵצָה נִיט גִיקָאנְט גִיבִּין. וָואס עֶר זָאל מִיט אִיר טָאן. זָאל עֶר זִי הַרְגִינֶען. טוּט אִים בַּאנְק. זָאל עֶר זִי אַוֶועק שִׁיקִין פוּן זִיךְ. דָאס פַארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר. וָוארִין אֵיין אַנְדֶערֶער וֶועט זִי נֶעמֶען. אוּן דָאס פַארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גִיהָארִיוִויט אַרוּם אִיר. אוּן הַיינְט וֶועט זִי אָנְקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערִין. אוּן דֶערְצוּ. אַז עֶר וֶועט זִי אַוֶועק לָאזִין. אוּן זִי וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערִין. וֶועט זִיךְ בְּוַודַאי קָאנֶען מְקוּיָם וֶוערִין דֶער חָלוֹם. אַז זִי וֶועט אִים הַרְגִינֶען. וָוארִין זִי אִיז בַּיי אֵיין אַנְדֶערִין. זָאל עֶר זִי הַאלְטִין בַּיי זִיךְ. הָאט עֶר מוֹרָא פַאר דֶעם חָלוֹם. טָאמֶער וֶועט זִי אִים הַרְגִינֶען.

הָאט דֶער מֶלֶךְ נִיט גִיווּאוּסְט וָואס עֶר זָאל אִיר טָאן. דֶערְוַוייל אִיז דִי אַהֲבָה בַּיי אִים כַּלְיָא גִיוָוארִין בִּיסְלִיךְ וַוייס. מַחְמַת דֶעם חָלוֹם. (דְהַיינוּ עֶר הָאט זִי שׁוֹין נִיט אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט וִוי פְרִיר) אוּן אַלֶע מָאל אִיז אַלְץ מֶער כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי אַהֲבָה. אוּן אַזוֹי בַּיי

אִיר אִיז אוֹיךְ כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי אַהֲבָה אַלֶע מָאל מֶער בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִיר גִיוָוארְן אַ שִׂנְאָה אוֹיף אִים. אִיז זִי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארְן פוּן אִים.

הָאט דֶער מֶלֶךְ אַרוֹיס גִישִׁיקְט מֶע זָאל זִי זוּכִין. אִיז מֶען גִיקוּמֶען אוּן מֶע הָאט אִים גִיזָאגְט. אַז זִי דְרֵייט זִיךְ לֶעבִּין וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין וַואסִירִיקֶער שְׁלָאס. אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן מוֹיעֶרִין. אֵיינֶע אִין דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין זֶענֶען פוּן וַואסֶער. אוּן דִי עֶרְד אִין דֶעם שְׁלָאס וָואס מֶע גֵייט אוֹיף אִיר אִיז אוֹיךְ פוּן וַואסֶער אוּן אַזוֹי דֶער גָארְטִין מִיט דִי בֵּיימֶער מִיט דִי פֵּירוֹת. אִיז אַלְץ פוּן וַואסֶער, אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם שְׁלָאס אוּן דֶער חִידוּשׁ פוּן דֶער שְׁלָאס. דָאס הָאט מֶען נִיט צוּ שְׁמוּסִין, וָוארִין סֶע אִיז בְּוַודְאַי אֵיין וִוילְד חִידוּשׁ. וָוארִין דֶער גַאנְצֶער שְׁלָאס אִיז פוּן וַואסֶער. אַרַיין גֵיין אִין דֶעם שְׁלָאס קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט. וָוארִין מֶע וֶועט דֶערְטְרִינְקֶען וֶוערִין. וָוארִין גָאר דֶער שְׁלָאס אִיז זִיךְ פוּן וַואסֶר.

אוּן דִי בַּת מַלְכָּה. אַז זִי אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין. אִיז זִי אָנְגִיקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁלָאס. אִיז זִי דָארְט אַרוּם גִיגַאנְגֶען אַרוּם דֶעם שְׁלָאס. הָאט מֶען גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז זִי דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין חַיִל. אַז עֶר זָאל זִי חַאפִּין. ווִי דִי בַּת מַלְכָּה הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן. (אַז דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל ווִילִין זִי חַאפִּין)

הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. זִי וֶועט אַרַיין לוֹיפִין אִין דֶעם שְׁלָאס אַרַיין. וָוארְן זִי ווִיל בֶּעסֶער דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין. אֵיידֶער דֶער מֶלֶךְ זָאל זִי חַאפִּין. אוּן זִי זָאל בַּיי אִים זַיין. אוּן טָאמֶער. וֶועט זִי פָּארְט נִיצוֹל וֶוערִין. אוּן וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרַיין חַאפִּין אִין דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. ווִי דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן. אַז זִי לוֹיפְט אִין וַואסֶער אַרַיין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. בְּכֵן. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל זִי שִׁיסִין. וֶועט זִי שְׁטַארְבִּין. שְׁטַארְבִּין. הָאט מֶען זִי גִישָׁאסִין. אוּן מֶען הָאט אִיר גִיטְרָאפִין אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי פַיילִין. וָואס זֵיי זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִּין. אוּן זִי דִי בַּת מַלְכָּה. אִיז אַרַיין גִילָאפִין אִין דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס אוּן זִי אִיז אִין אִים אַרַיין

אִינִיוֵוייניק אַרַיין. אוּן זִי אִיז דוּרְךְ דָארְךְ אַלֶע טוֹיעֶרִין פוּן דִי וַואסִירִיקֶע מוֹיעֶרִין. וָוארִין סֶע אִיז דָארְטִין פַארְהַאנְדִין טוֹיעֶרִין אִין דִי וַואסִירִיקֶע מוֹיעֶרִין אוּן זִי אִיז דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אַלֶע טוֹיעֶרִין פוּן אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. בִּיז זִי אִיז אַרַיין אִינִיוֵוייניק אִין דֶעם שְׁלָאס אַרַיין. אוּן זִי אִיז דָארְט אַנִידֶער גִיפַאלִין. אוּן אִיז גִיבְּלִיבְּן חַלָּשׁוֹת. אוּן אִיךְ הֵייל זִי (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט. וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט נִיט אִין זַיינֶע הֶענְט. אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי צְדָקוֹת. דֶער קָאן נִיט אַרַיין גֵיין אִין דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. וָוארִין עֶר וֶועט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין אִין וַואסֶער. אוּן דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל. זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיָאגְט דֶער בַּת מַלְכָּה. זֶענֶען זֵיי אַלֶע דֶערְטְרוּנְקֶען גִיוָוארִין אִין וַואסֶער. אוּן אִיךְ קָאן אַרַיין גֵיין אִין אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אוּן דִי מוֹיעֶרִין פוּן וַואסֶער דָאס זֶענֶען דִי אִינְדִין פוּן דֶעם יַם וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן ווִי אַ מוֹיעֶר. אוּן דִי ווִינְטְן זֵיי שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי אִינְדְן פוּן דֶעם יַם. אוּן זֵיי הֵייבִּין אוֹיף דִי אִינְדִין. אוּן דִי אִינְדִין וָואס דָאס זֶענֶען דִי צֶעהְן מוֹיעֶרִין. זֵיי שְׁטֵייעֶן דָארְט תָּמִיד נָאר דִי ווִינְטִין זֵיי הַאלְטִין דִי אִינְדִין אוּן הֵייבִּין דִי אִינְדִין.

אוּן אִיךְ קָאן אַרַיין גֵיין אִין דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אוּן אִיךְ קָאן אַרוֹיס צִיהְן פוּן אִיר (דְהַיְינוּ פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה) אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי פַיילִין. אוּן אִיךְ וֵוייס אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי דְפֵיקִין. דוּרְךְ דִי צֶעהְן פִינְגֶער וָוארִין דוּרְךְ אִיטְלִיכְן פִינְגֶער פוּן דִי צֶעהְן פִינְגֶער קָאן מֶען ווִיסִין אַ בַּאזוּנְדֶערִין דֵפֶק פוּן דִי צֶעהְן אִירְלֵיי דְפֵיקִין. אוּן אִיךְ קָאן זִי הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה דוּרְךְ אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי נִיגוּנִים. (וָוארִין אִיר רְפוּאָה אִיז דוּרְךְ נִגוּנִים כַּנַ"ל)

דְרִיבֶּער הֵייל אִיךְ יוֹא דִי בַּת מַלְכָּה. נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה. אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארִין.

## א ווארימע תפלה אויף פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און א חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די ווין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ')

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס געגאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה.

## די דרייצנטע מעשה (7) - פון די זיבן בעטלירס

**א. שאלת חכמות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער אהן קיין הענט?** (עיין יאי מוהרנ"ת א"ב)

❑ שב"ק כ"ה אדר תק"ע

❑ שב"ק ג' ניסן תק"ע

❑ דינסטאג ו' ניסן תק"ע

**ב. פארוואס זעהט אויס אז דער בעטלער האט נישט קיין הענט?**

❑ ווייל ער האט באמת נישט קיין הענט

❑ ווייל ער האט צובראכענע הענט

❑ ווייל ער ניצט נישט מיט זיינע הענט אין ׳דער וועלט״

**ג. פון וועמען האט דער בעטלער א הסכמה אויף דעם?**

❑ פון דעם גרויסן אדלער

❑ פון די מדינה וואס לעבט חיים טובים

❑ פון דעם וואסעריקן שלאס

**ד. מיט וואס האבן זיך בארימט די מענטשן וואס זענען געזעסן מיט דעם בעטלער?**

❑ אז זיי קענען שיין זינגען

❑ מיט די כח וואס יעדער האט אין זיינע הענט

❑ יעדער מיט זיין חכמה

**ה. מיט וואס האט זיך דער ערשטער בארימט?**

❑ אז ער קען צוריק ציען א פייל

❑ אז ביי וועמען ער נעמט ער גיבט ער

❑ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ו. מיט וואס האט זיך דער צווייטער בארימט?**

❑ אז ער קען צוריק ציען א פייל

❑ אז ביי וועמען ער נעמט ער גיבט ער

❑ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ז. מיט וואס האט זיך דער דריטער בארימט?**

❑ אז ער קען צוריק ציען א פייל

❑ אז ביי וועמען ער נעמט ער גיבט ער

❑ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ח. וואס קען טוהן דער וואס קען צוריק ציען א פייל?**

❑ ער קען צוריק ציען אלע צעהן פיילן אפילו נאכדעם וואס סיטרעפט אהן א מענטש

❑ ער קען צוריק ציען איין מין פייל אפילו נאכדעם וואס סיטרעפט אהן א מענטש

❑ ער קען צוריק ציען איין מין פייל נאר פאר ווען סיטרעפט אהן א מענטש

**ט. דער וואס האט זיך בארימט אז ווען ער נעמט גיבט ער, וואס גיבט ער?**

❑ מעשר

❑ חומש

❑ צען מיני צדקה

**י. וויפיל מיני ווינטן קען צוריק האלטן דער וואס האט זיך בארימט אז ער קען צוריק האלטן א ווינט?**

❑ איין מין ווינט

❑ זיבן מיני ווינטן

❑ צעהן מיני ווינטן

**יא. קענען די אלע, היילן די בת מלכה?**

❑ יא

❑ ניין

❑ נאר דער וואס קען אפהאלטן א ווינט

**יב. צו וואו איז אנטלאפן די בת מלכה?**

❑ צו א וואלד

❑ צו א אנדערע שטאט

❑ נעבן דעם וואסעריקן שלאס

**יג. שאלת חכמות: וואס האט דער מלך געטון ווען ער האט געהערט אז די פרינצעסין איז אין וואסער אריין?**

❑ ער האט געהייסן כי שיסן

❑ ער האט איר נאכגעיאגט אין וואסער און איז דערטרונקען געווארן

❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וואס האט פאסירט צו די בת מלכה?**

❑ עס האט איר געטראפן פינעף פיילן און זי איז געפאלן חלשות

❑ עס האט איר געטראפן אלע צעהן פיילן און זי איז געפאלן חלשות

❑ עס האט איר געטראפן אלע צעהן פיילן און זי איז געבליבן געזונט

**טו. ווער היילט די בת מלכה?**

❑ דער בעטלער וואס איז אהן הענט

❑ די דאקטוירים

❑ די מעדיצינען

**טז. שאלת חכמות: וואס לערנסטו ארויס פון די מעשה?**

❑ די גרויסע כח פון הייליגע ניגונים, אז מ'קען מיט דעם היילן די בת מלכה

❑ די גרויסקייט פון תיקון הכללי וואס איז קעגן די צען מיני נגינה.

❑ ________________________.

### "און איך הייל זי"

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149

מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

מיר זאלן זוכה זיין צו טון אסאך מצוות משך דעם יאר מיט קדושה און א גרויסע שמחה און זוכה זיין אז די שמחות פון אלע מצוות פונעם גאנצן יאר זאלן זיך צאמזאמלען אינעם הייליגן הארץ וואס דאס איז די דריי ימים טובים, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אן אמת'ן שמחת יום טוב אזוי ווי דיין רצון איז, אזוי ווי עס שטייט: "ושמחת בחגיך" און זוכה זיין זיך זייער שטארק צו פרייען מיט דיר באשעפער וואס דו האסט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער און דערהויבן פון אלע שפראכן. ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און זיך זען מיטן אור פני ה'. אמן (תפלה ל')

## די דרייצנטע מעשה (8) - פון די זיבן בעטלירס (רמזי המעשיות)

**א. איז געווען גרינג פאר'ן רבי'ן צו דערציילן די מעשה פון די זיבן בעטלערס?**

- ❑ גרינג
- ❑ שווער
- ❑ זייער שווער

**ב. איז אין די מעשה דא א כוונה אין יעדע ווארט אדער נאר אין יעדע ענין?**

- ❑ אין יעדע ווארט
- ❑ אין יעדע ענין
- ❑ אין יעדע בלאט

**ג. וואס פון די מעשה האט דער רבי נישט דערציילט?**

- ❑ וואס ס'איז געווען די זיבעטע טאג
- ❑ וואס איז געווארן מיט דער בן מלך וואס מ'האט אים איבערגעגעבן די מלוכה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט דער רבי אויב וואלט ער נאר געוואוסט די מעשה?**

- ❑ ער האט נישט גערעדט פון דעם
- ❑ וואלט איך אויך געווען א חידוש
- ❑ וואלט איך אויך א ווילד חידוש געווען

**ה. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשה?**

- ❑ אז ס'איז א חידוש
- ❑ אז ס'איז א ווילד חידוש
- ❑ אז ס'איז זייער א ווילד חידוש

**ו. וואס זאגט דער רבי אז ס'איז דא אין די מעשה?**

- ❑ אסאך תורות
- ❑ זייער פיל מוסר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. אויף וועלכע צדיק האט דער רבי געזאגט אז ער איז מרומז אין דער דריטער טאג?**

- ❑ דוד המלך ע"ה
- ❑ שלמה המלך ע"ה
- ❑ שאול המלך ע"ה

**ח. מיט וועלכע זאך זאגט דער רבי אז ער איז מרמז אויף דעם צדיק?**

- ❑ די קוואל
- ❑ די הארץ פון דער וועלט
- ❑ דער אמת'ר איש חסד

**ט. אויף וועלכע מעשה זאגט דער רבי אז ס'איז גרעסער פון אלע מעשיות וואס ער האט דערציילט?**

- ❑ די מעשה פון חכם ותם
- ❑ די מעשה פון בעל תפלה
- ❑ די מעשה פון די זיבן בעטלערס

**י. בונוס: אין וועלכע קאפיטל פון תהלים איז מרומז סודות פון די מעשה?** (קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)

- ❑ אין קאפיטל ס'
- ❑ אין קאפיטל ס"א
- ❑ אין קאפיטל פ"א

**יא. בונוס: אין וועלכע ווערטער איז מרומז דער אמת'ר איש חסד?** (קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)

- ❑ ימים על ימי מלך
- ❑ חסד ואמת מן ינצרהו
- ❑ כן אזמרה שמך לעד

**יב. וויפיל מאל איז דא די ווארט שמחה \ פרייליך וכד' אין די מעשה?**

- ❑ 40
- ❑ 49
- ❑ 148

**יג. וויפיל מעשיות איז דא אין סיפורי מעשיות?**

- ❑ 12
- ❑ 13
- ❑ 14

**יד. וואס איז דער סדר פון די מעשיות?**

- ❑ זיבן בעטלערס
- ❑ אבידת בת מלך
- ❑ חכם ותם
- ❑ רב ובן יחיד
- ❑ בעל תפילה
- ❑ מלך ענו
- ❑ בן מלך שהיה מאבנים טובות
- ❑ החיגר
- ❑ מבערגער ועני
- ❑ מזבוב ועכביש
- ❑ בן מלך ובן שפחה שנתחלפו
- ❑ מלך שגזר שמד
- ❑ ממלך וקיסר

**טו. בונוס: אויף וועמען כאפט דער רבי אז ער ווערט אויך אנגערופן בת מלך?** (קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)

- ❑ די גרויסע צדיקים
- ❑ די תלמידי חכמים
- ❑ די הייליגע נשמה פון יעדן איד

**טז. בונוס: דורך וואס איז דער עיקר רפואה פון די בת מלך?** (קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)

- ❑ דורך נגינה
- ❑ דורך שמחה
- ❑ דורך נגינה און שמחה

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ "מְכוֹן שְׁנֵים קַדְמוֹנִיּוֹת" - לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ - אָן צוּ פַאַרְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן / פוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע"ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר"י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין ז"ל / דִי אַייְנְגֶערִינְגְעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א / דִי אַייְנְגֶעקֶעסְטְעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען (חוּץ בַּיים סוֹף מַעֲשֶׂה בַּיי דִי 'רְמָזִים', אִיז אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְט דִי גְרֶעסֶערֶע אוּן דִי קְלֶענֶערֶע אוֹתִיּוֹת, וִוי אָנְגֶעצֵייכְנְט דָארְט) [פַּאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

# הֶמְשֵׁךְ פֶּרֶק ח - זֶעקְסְטְן טָאג
# - דֶער בֶּעטְלֶער אָן הֶענְט -

[רוֹב פוּן דָא אוּן וַוייטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ רוֹב פֶּרֶק י - אִיז אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' אוֹיף 'לָשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ' - וַוייל רַבִּי נָתָן זַ"ל הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ - אוּן נָאר דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט מִיט גְרֶעסֶערֶע אוֹתִיּוֹת, אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן וָואס רַבִּי נָתָן זַ"ל הָאט דָאס יָא גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ]

**[אוֹת יא]** דִי [דָאזִיגֶע] מַעֲשֶׂה, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְצֵיילְן - נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, מוּז אִיךְ זִי שׁוֹין אוֹיסְפִירְן!

אִין דֶער [דָאזִיגֶער] מַעֲשֶׂה, אִיז נִישְׁט פַאַרְהַאנְדְן אֵיין וָוארְט, וָואס סְ'זָאל דֶערִינֶען נִישְׁט זַיין אַ כַּוָּונָה. אוּן וֶוער סְ'אִיז אַ בָּקִי אוּן גֶענִיט [בַּאקַאנְט] אִין סְפָרִים, קֶען עֶפֶּעס פַאַרְשְׁטֵיין, עֶפֶּעס וִוינְקֶען [רְמָזִים]!

אוּן דִי [זַאךְ פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'פַייְלְן', וָואס דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט [אוֹיבְּן אוֹת ב]: "אַז עֶר קֶען פַייְלְן צוּרִיקְצִיעֶן"! - דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק [דְּבָרִים לב, מא]: ["וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי"] וְכוּ'!

[אוּן אַזוֹי־וִוי רַשִׁ"י עֶרְקְלֶערְט דָארְט: "אַז אַ בָּשָׂר־וָדָם וָואס שִׁיסְט אַ פַייל, קֶען עֶר דָאס נָאכְדֶעם נִישְׁט צוּרִיקְצִיעֶן! - אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיסְט אַ פַייל, קֶען עֶר דָאס יָא נָאכְדֶעם צוּרִיקְצִיעֶן"]!

אוּן דִי [בְּחִינָה פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'צְדָקָה' - וָואס דָאס אִיז אַקֶעגְן דִי 'מוֹיעֶרְן פוּן וַואסֶער' [וָואס דָאס זֶענֶען דִי 'כְּוַואלְיֶעס פוּן יַם' - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אוֹת ט]! - דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין אַ פָּסוּק [יְשַׁעְיָה מח, יח]: "וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם"!

[אוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'וִוינְט', וָואס דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט [אוֹיבְּן אוֹת ה]: "אַז עֶר קֶען פַאַרְהַאלְטְן דֶעם 'שְׁטוּרֶעם־וִוינְט' מִיט דִי 'הֶענְט'"! - דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק [מִשְׁלֵי ל, ד]: "מִי אָסַף רוּחַ בְּחָפְנָיו"! "וֶוער הָאט אַיינְגֶעזַאמֶעלְט 'וִוינְט' אִין זַיינֶע הֶענְט"! - וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן 'נְגִינָה', וִוי עֶרְקְלֶערְט אוֹיף אַ אַנְדֶערְן פְּלַאץ [לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"א נד]]!

אוּן דִי 'צֶען עֶרְלֵיי דְּפִיקִין', אוּן 'צֶען עֶרְלֵיי נִיגוּנִים' - דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין 'זוֹהַר'! [ח"ג רטו: תִּקּוּנֵי־זֹהַר ע: קה־קח - דָאס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"ב תּוֹרָה כד, "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"].

[דִי אַלֶע פְרִיעֶרְדֶערְמַאנְטֶע רְמָזִים, הָאבְּן מִיר בְּפֵירוּשׁ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן]! - **לוּשְׁמִיר** [נָאר] **'וֶוער', אוּן 'וֶוען', אוּן 'וָואס'** [דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר טִיף]!

(וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעזָאגְט - כְּלוֹמַר [דִי עֶצֶם גוּף פוּן דִי מַעֲשֶׂה - דָאס הֵייסְט]: 'וֶוער' [עֶס] זֶענֶען דִי אַלֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע]?! - אוּן 'וָואס' אִיז דָאס?! - אוּן 'וֶוען' אִיז דָאס אַלְץ גֶעוֶוען?! - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן! [סְ'אִיז זֵייעֶר טִיף צוּ דֶערְגְרֵייכְן])!

# פֶּרֶק ט - זִיבֶּעטְן טָאג
# - דֶער בֶּעטְלֶער אָן פִיס -

**[אוֹת א]** דֶעם 'אוֹיסְפִיר' פוּן דֶער מַעֲשֶׂה, דְהַיְינוּ: וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם 'זִיבֶּעטְן־טָאג', מִיט דֶעם 'בֶּעטְלֶער' וָואס 'אָן־פִיס' - אוּן [אוֹיךְ] דֶעם 'אוֹיסְפִיר' פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה - דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט!

[מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס צוּ הֶערְן]!

אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "[אַז] עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין [מֶער] נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! - אוּן [דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן! - וַוייל] מְ'וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט [זוֹכֶה זַיין מֶער צוּ] הֶערְן, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן"!

# - פֶּרֶק י -
# רְמָזִים פוּן רַבֵּינוּ זַ"ל אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה

**[אוֹת א]** (דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזָאגְט): "אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט וִויסְן קַיין שׁוּם [אַנְדֶערֶע] זַאךְ, נָאר דִי [דָאזִיגֶע] מַעֲשֶׂה - וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ [זֵייעֶר] אַ [גְרוֹיסֶע] וִוילְד חִידּוּשׁ גֶעוֶוען! [אַזוֹי הָאט עֶר בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט]! - וָוארְן דִי [דָאזִיגֶע] מַעֲשֶׂה, אִיז אַ וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידּוּשׁ זֵייעֶר! - [אוּן] סְ'אִיז אִין אִיר דָא: זֵייעֶר פִיל מוּסָר, אוּן אַסַאךְ תּוֹרָה!

וָוארְן ס'אִיז אִין דֶער [דָאזִיגֶער] מַעֲשֶׂה דָא, אַסַאךְ תּוֹרוֹת! - אוּן זִי שְׁמוּעֶסְט [אוֹיךְ] פוּן אַסַאךְ 'צַדִּיקִים־קַדְמוֹנִים'! - פוּן 'דָּוִד־הַמֶּלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם!

וָוארְן 'דָּוִד־הַמֶּלֶךְ' [עָלָיו־הַשָּׁלוֹם] אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין עֶק וֶועלְט, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם 'קְוַואל' וָואס ס'גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם 'שְׁטֵיין', וָואס אוֹיף דֶעם 'בַּארְג', כַּנַּ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, בַּיים דְרִיטְן־טָאג - פֶּרֶק ה אוֹת ג] - אַזוֹי־וִוי אִין תְּהִלִּים שְׁטֵייט [תְּהִלִּים סא, ג]: "מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי, בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי" וְכוּ'!

**[פוּן אַנְדֶערְן 'עֶק וֶועלְט', פוּנֶעם 'גָּלוּת פְּלִשְׁתִּים' וַוייט פוּן 'אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל', רוּף אִיךְ צוּ דִיר, וֶוען מַיין 'הָארְץ' אִיז פַארְוִויקֶלְט פוּן צָרוֹת - אַז דוּ זָאלְסְט מִיר פִירְן אוֹיפְן 'שְׁטֵיין' וָואס אִיז הֶעכֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר! - דָאס הֵייסְט: אַז אִיךְ זָאל בַּאזִיגְן מַיינֶע 'פַיינְט' דִי 'גִבּוֹרִים' וָואס זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר]!**

דָאס אַלֶעס הָאבְן מִיר גֶעהֶערְט בְּפֵירוּשׁ פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹיל! - אוּן וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אִיז: אַז 'דָּוִד־הַמֶּלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, אִיז דִי בְּחִינָה פוּנֶעם 'הַארְץ', וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט! - אוּן אוֹיף אִים אִיז מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה [אוֹיבְן פֶּרֶק ה אוֹת ג]: דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט', וָואס דָאס שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערְן עֶק פוּן דֶער וֶועלְט, אַקֶעגְן דֶעם 'קְוַואל', אוּן זִי שְׁרֵייט אוּן בֶּענְקְט שְׁטֶענְדִיג וְכוּ' [אַז ס'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'קְוַואל'!]!

אוּן דִי דָאזִיגֶע רֵייד - זֶענֶען נָאךְ אַלְץ פַארְהוֹילְן! - וואוֹיל אִיז דֶער וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ מַשִּׂיג זַיין דִי סוֹדוֹת פוּן דִי מַעֲשֶׂה!

דִי זַאךְ פוּן 'דָּוִד־הַמֶּלֶךְ' [אוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק: "מִקְצֵה הָאָרֶץ", וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה] - דָאס קֶער [בַּאלַאנְגְט] צוּם 'דְרִיטְן־טָאג'! - וָוארְן דָארְט שְׁמוּעֶסְט [מֶען] פוּן דֶעם 'הַארְץ', אוּן פוּן דֶעם 'קְוַואל'!

[אוֹת ב] אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה', אִיז פַארְהַאנְדְן זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה', פוּן דֶעם 'אָנְהֵייבּ' בִּיז אִין 'אוֹיסְלָאז'.

אַלֶע [דְרַייצְן] מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶעם [דָאזִיגְן הֵיילִיגְן] סֵפֶר ['סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת'], זֶענֶען דוּרְךְ [לוֹיטֶער] גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה' - אִיטְלֶעכְס וָוארְט, אוּן אִיטְלֶעכֶע זַאךְ, מֵיינְט מֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ! - אוּן דִי [דָאזִיגֶע] מַעֲשֶׂה, אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע"!

זֶעה דָארְט [אוֹיבְן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה]! - וֶועסְטוּ זֶעהְן ווּאוּנְדֶער, וִויאַזוֹי אִין יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיז מְרוּמָז ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן! - אוּן אִין דֶעם גְרוֹיסְקֵייט אוּן פָּארְכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ רֶעדְן - וַוייל זִי אִיז הֶעכֶער אַלֶעס!

אַשְׁרֵי! אַשְׁרֵי! וואוֹיל אִיז דֶער וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין - אֲפִילוּ אוֹיף 'יֶענֶער וֶועלְט' - צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶערִין, אֲפִילוּ אַבִּיסְל אַבִּיסְל!

אוּן וֶוער ס'הָאט אַ מֹחַ אִין זַיין קָאפּ - וֶועט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דָאס הָאר פוּן זַיין קָאפּ! - אוּן וֶועט אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים! - וֶוען עֶר וֶועט גוּט קוּקְן אִינֶעם דָאזִיגְן פָּארְכְטִיגְן מַעֲשֶׂה - וָואס אַזוֹינְס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן!

*

דִי זַאךְ פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק: "מִקְצֵה הָאָרֶץ", וָואס בַּאלַאנְגְט צוּם מַעֲשֶׂה פוּנֶעם דְרִיטְן טָאג, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט - דָאס הָאבּ אִיךְ קְלָאר גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגְן פָּארְכְטִיגְן מוֹיל, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה!

[אוֹת ג] נָאךְ זֶעה! אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְדֶעם גֶעפוּנֶען: אַז רוֹב רֵייד פוּנֶעם דָאזִיגְן קַאפִּיטְל תְּהִלִּים ס"א וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט דֶעם דָאזִיגְן פָּסוּק - שְׁמוּעֶסְט דָארְט פוּן דִי רְמָזִים, פוּן דִי שְׁטַארְקֶע סוֹדוֹת פוּנֶעם מַעֲשֶׂה פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'דְרִיטְן טָאג'!

*

"יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ תּוֹסִיף" וְכוּ' [תְּהִלִּים סא, ז]! **"'דָּוִד־הַמֶּלֶךְ' בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: זָאלְסְט פַארְמֶערְן טֶעג, אוֹיף דִי טֶעג פוּנֶעם 'קֶענִיג'"** [דָאס הֵייסְט: פַאר מִיר 'דָּוִד־הַמֶּלֶךְ']**!**

וַוייל עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג, אַז מְ'זָאל אִים פַארְמֶערְן טֶעג, צוּ זַיינֶע טֶעג!

[דָאס אִיז מְרַמֵּז וָואס שְׁטֵייט אוֹיבְן בַּיים דְרִיטְן טָאג: אַז דֶער 'אֱמֶת'ְר אִישׁ־חֶסֶד' שֶׁענְקְט אַ 'טָאג' פַאר דֶעם 'הַארְץ' - אוּן דָאס 'הַארְץ' שֶׁענְקְט דֶעם 'טָאג' פַאר דֶעם 'קְוַואל' - אַזוֹי הָאט שׁוֹין וִוידֶער דֶער 'קְוַואל' אַ 'זְמַן' וְכוּ' וְכוּ' - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ה אוֹת ג]!

*

"חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרֻהוּ" [תְּהִלִּים סא, ח]! **"דִי 'חֶסֶד' אוּן 'אֱמֶת' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין אָנְגֶעגְרֵייט אִים צוּ הִיטְן"!**

דָאס אִיז [מְרַמֵז, אוֹיף] דֶער 'גְרוֹיסֶער מַאן', דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד'! - וַוייל גָאר דֶער 'זְמַן' אוּן דִי 'טֶעג', וֶוערְט דָאךְ אַלְץ דוּרְךְ דֶער 'גְרוֹיסֶער מַאן', וָואס עֶר אִיז דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד'! - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִינֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַעֲשֶׂה [בַּיים דְרִיטְן טָאג - פֶּרֶק ה אוֹת ד]!

אוּן 'עֶר' [דֶער 'גְרוֹיסֶער מַאן', דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד'] גִיבְּט אוּן פַארְמֶערְט יֶעדְן מָאל, "יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ"! - **נָאךְ 'טֶעג', אוֹיף דִי 'טֶעג פוּנֶעם קֶענִיג'!** - וָואס דָאס אִיז דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'הַארְץ' [פֶּרֶק ה אוֹת ג]! - דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן 'דָוִד־הַמֶלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם!

[אַזוֹי וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט דָארְט בַּיים דְרִיטְן טָאג, פֶּרֶק ה אוֹת ד: אַז גָאר דָאס 'זְמַן' מִיט דִי 'טֶעג', וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם 'גְרוֹיסְן מַאן', דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד', וָואס עֶר שֶׁענְקְט אַ 'טָאג' פַאר דֶעם 'הַארְץ', אוּן דָאס 'הַארְץ' שֶׁענְקְט דָאס פַארְן 'קְוַואל']!

אוּן דָאס הֵייסְט: "יִנְצְרֵהוּ"! **"עֶר הִיט אִים אָפּ"!** - וַוייל עֶר הִיט דָאס אָפּ, אַז בַּאלְד וִוי סְ'קוּמְט דֶער 'טָאג' גָאר צוּם סוֹף, נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן [אוּן דַאן וֶועט דֶער 'קְוַואל' שׁוֹין קַיין 'טָאג' נִישְׁט הָאבְּן], בְּמֵילָא וֶועט דֶער 'קְוַואל' אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דָאס 'הַארְץ', אוּן דֶער 'גַאנְצֶער וֶועלְט' [וֶועט] חַס־וְשָׁלוֹם [חָרוּב וֶוערְן]! - דַאן טוּט דָאס דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד' אָפְּהִיטְן אוּן אַכְט גֶעבְּן דֶערוֹיף, אוּן עֶר שֶׁענְקְט אַ 'טָאג' פַאר דֶעם 'הַארְצְן' וְכוּ' וְכוּ' [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט - פֶּרֶק ה אוֹת ג־ד]!

*

אוּן דָאס זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק [תְּהִלִּים סא, ט]: "כֵּן אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי נְדָרַי יוֹם יוֹם"! **"אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן אֵייבִּיג דַיין נָאמֶען, וֶוען אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן מַיינֶע נְדָרִים יֶעדְן טָאג"!**

וַוייל יֶעדְן 'טָאג' אוּן 'טָאג' וָואס עֶר גִיבְּט אִים [וָואס דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד' שֶׁענְקְט פַארְן 'הַארְץ'] - קוּמְט אָן מִיט 'לִידֶער' אוּן 'שִׁירִים' וְכוּ' - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט [פֶּרֶק ה אוֹת ג־ד]!

*

"אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה" [תְּהִלִּים סא, ה]! **"אִיךְ זָאל אֵייבִּיג זַיין בַּאשִׁיצְט, אִין דִי בַּאהֶעלְטֶענִישׁ פוּן דַיינֶע פְלִיגְל"!**

וַוייל וֶוען דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער 'הַארְץ' בַּאדַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן [זִיךְ אָפְּסַאפְּן־אָפְּכַאפְּן פוּן אִיר שְׁוַואכְקֵייט] - דַאן קוּמְט אַ 'גְרוֹיסֶער פוֹיגְל', אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט זַיינֶע 'פְלִיגְל' אוֹיף אִים [אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּנֶעם זוּן וְכוּ' - וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ה אוֹת ג]! - אוּן דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: "אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה"!

[אוֹת ד] דָאס בַּאלַאנְגְט צוּם 'עֶרְשְׁטְן טָאג' [דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער]! [בַּיי] דִי זַאךְ פוּן דִי 'זְקֵנִים' [פֶּרֶק ג אוֹת ב־ג], וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּארִימְט, וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט אַלְץ [אַ עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן זָקֵן]! - **אַז דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ אֲפִילוּ, אַז מְ'הָאט אִים 'אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל' וְכוּ'! אוּן דֶער 'דָאזִיגֶער זָקֵן' אִיז גֶעוֶוען דֶער יוּנְגְסְטֶער פוּן צְווִישְׁן זֵיי וְכוּ'!** - אוֹיף דֶעם הָאט רַבֵּינוּ זַ"ל גֶעזָאגְט: אַז אִין 'יְרוּשַׁלְמִי' [כְּתֻבּוֹת פ"ה ה"ו] שְׁטֵייט אַזַא עֶנְלִיכֶע זַאךְ: **"אַז 'שְׁמוּאֵל' הָאט זִיךְ בַּארִימְט: אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ וְכוּ'"!** (דָאס אִיז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', הִלְכוֹת תְּפִלִּין, הֲלָכָה ה, בַּיים סוֹף).

[אוֹת ה] וֶוער קֶען לוֹיבְּן?! וֶוער קֶען דֶערְצֵיילְן?! וֶוער קֶען אָפְּשַׁאצְן?! - אֲפִילוּ נָאר אַ טֵייל, אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְטֶער־טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער, פוּן אַ קְלֵיינֶעם שַׁיין, פוּן דִי 'וואוּנְדֶערְלִיכֶע־וואוּנְדֶערְלִיכֶע רְמָזִים' פוּן דִי 'זֵייעֶר־זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע פָארְבְּטִיגֶע סוֹדוֹת', פוּנֶעם דָאזִיגְן פָארְבְּטִיגְן מַעֲשֶׂה - וָואס זִי אִיז פִיל מִיט סוֹדֵי־סוֹדוֹת, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף!

וּ"מַשְׂכִּיל עַל דָּבָר יִמְצָא טוֹב" [מִשְׁלֵי טז, כ]! **"אוּן דֶער וָואס קְלִיגְט מִיט זַיין שֵׂכֶל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט גֶעפִינֶען גוּטְס"!** - עֶר וֶועט גֶעפִינֶען אַ 'הִתְנוֹצְצוּת', אַ 'שַׁיין', פוּן 'עֶפֶּעס רְמָזִים', לוֹיט זַיין שְׁטֵייגֶער!

## [הוֹסָפָה צוּם זֶעקְסְטְן טָאג - פוּן 'שִׂיחוֹת־הָרַ"ן' סִימָן רעג]

רַבֵּינוּ זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט: **עֶס אִיז אַ גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט עֶפֶּעס אַ נִיגוּן'!** - וַוייל אַ 'נִיגוּן', אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אוּן הוֹיכֶע זַאךְ! אוּן סְ'הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ צוּ דֶערְוֶועקְן אוּן צוּצִיעֶן דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! - אוּן אֲפִילוּ וֶוער סְ'קֶען נִישְׁט זִינְגֶען - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ! בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶר אִיז צְווִישְׁן זִיךְ אַלֵיין, קֶען עֶר זִיךְ דַאן אוֹיפְלֶעבְּן מִיט עֶפֶּעס אַ נִיגוּן - וִויאַזוֹי עֶר קֶען דָאס נָאר זִינְגֶען! - וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן אַ 'נִיגוּן', קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן!

אוּן סְ'אִיז שׁוֹין פוּן לַאנְג עֶרְקְלֶערְט אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, עֶטְלִיכֶע הוֹיכֶע תּוֹרוֹת פוּן דִי זַאךְ פוּן אַ 'נִיגוּן'! - **אוּן זֶעה בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס'** (בַּיים זֶעקְסְטְן טָאג), **דָארְט אִיז אַבִּיסְל מְרוּמָז דִי מַעֲלָה פוּן אַ 'נִיגוּן'!** - וַוייל דָארְט אִיז עֶרְקְלֶערְט: "אַז דֶער עִיקָר רְפוּאָה פוּנֶעם 'בַּת־מַלְכָּה' וָואס אִיז גֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, אִיז דוּרְךְ אַ 'נִיגוּן'! דָאס הֵייסְט: דוּרְךְ דִי 'צֶען עֶרְלֵיי נְגִינָה'! - זֶעה דָארְט! אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט וִוי וַוייט דִי זַאךְ דֶערְלַאנְגְט!

וַוייל אוֹיךְ דִי 'הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה' פוּן יֶעדְן אִיד, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'בַּת־מֶלֶךְ', וִוי בַּאוואוּסְט (זֶעה דִי הַקְדָּמָה פוּן רַבִּי נָתָן זַ"ל צוּם סֵפֶר 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת'), אוּן זִי לִיגְט דָארְט וואוּ זִי לִיגְט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם! מִיד אוּן פַארְפְלָאגְט אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דוּרְךְ אִירֶע 'עֲבֵירוֹת', דָאס זֶענֶען דִי 'צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן' וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אִין אִיר, אוּן הָאט אִיר גֶעכַאפְּט! וִוי עֶרְקְלֶערְט דָארְט!

אוּן מְ'דַארְף הָאבְּן אַ 'צַדִיק' אַ 'גְרוֹיסְן בַּעַל־כֹּחַ', וָואס קֶען אַרַיינְגֵיין אִין דִי אַלֶע פְלֶעצֶער וָואס זִי אִיז דָארְט אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן אִיר דִי אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן'! אוּן וִויסְן אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי דְפִיקִין'! כְּדֵי עֶר זָאל וִויסְן וִויאַזוֹי אִיר אוֹיסְצוּהֵיילְן! אוּן צוּ זִינְגֶען אַלֶע 'צֶען עֶרְלֵיי נְגִינָה'! - וַוייל אִיר עִיקָר 'רְפוּאָה', אִיז דוּרְךְ 'נִיגוּן' אוּן 'שִׂמְחָה'! - אוּן פַארְשְׁטֵיי דָארְט נָאךְ זַאכְן! - אוּן דֶער עִיקָר אִיז: אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דָארְט 'גוּטֶע עֵצוֹת', אוֹיף זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, "וַוייל "לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר, אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה" (אָבוֹת פ"א מי"ז)! "דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דָאס 'לֶערְנֶען' נָאר דִי 'מַעֲשֶׂה' וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן"!

**מיין מדות ווינקל**



## זיך פירן מיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

די חֲסִידוּת פוּנֶעם רֶבִּי'ן איז גֶעוֶוען בַּאגְלֵייט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ! אַזוֹי איז גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן בַּיים רֶבִּי'נְס לַייט מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ!

בַּיי די וֶועלְט, אִיז די חֲסִידוּת פַארְקֶערְט פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז נִישְׁט קֵיין חֲסִידוּת! אָבֶער בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד פוּן חֲסִידוּת 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'!

מִיר דַארְפְן טַאקֶע דֶערְפַאר בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִשׁוּב הַדַעַת, נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִילְד!

בַּיי די גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵׁם, אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ! אִיךְ גֶעדֶענְק ר' אַבְרָהָם ר' נַחְמָן'ס, אִיז גֶעוֶוען אַזַא עָנָיו בַּיי זִיךְ אַז אֲפִילוּ פַאר אַ קִינְד הָאט עֶר גֶעהַאט דֶרֶךְ אֶרֶץ! פַאר אַ קִינְד הָאט עֶר גֶעהַאט דֶרֶךְ אֶרֶץ! עֶר זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם!

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער לִמּוּד בַּיים רֶבִּי'ן - אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מ'וֶוערְט נִתְקָרֵב צוּם רֶבִּי'ן זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ מָאס מִיט יִשׁוּב הַדַעַת, נִישְׁט לוֹיפְן, נִישְׁט פְלִיעֶן אִין די הִימְלֶען! נָאר זִיךְ זַייעֶר הִיטְן אַז דוּרְךְ אוּנְז זָאל וֶוערְן נִתְקַדֵשׁ שֵׁם רַבֵּינוּ! אָבֶער אוֹיבּ אִיז חַס וְשָׁלוֹם פַארְהַאן ווִילְדֶע זַאכְן - וֶוערְט אַ חִלוּל הַשֵׁם, וָואס זָאגְט מֶען - אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב! מֶען זָאגְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אַז עֶר אִיז אַ ווִילְדֶער - מֶען זָאגְט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער זַאךְ אוֹיף אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב! דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר אַן אַחֲרָיוּת; אַז אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֵיין גֵייט נִישְׁט אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס עֶר דַארְף גֵיין, וֶוערְט דֶעם רֶבִּי'נְס נָאמֶען פַארְשְׁוֶועכְט דוּרְךְ דֶעם!

בַּיי אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס הָאט אַ שַׁייכוּת 'חֲסִידוּת' מִיט 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'?! אָבֶער בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ 'יְסוֹד' - "דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט חֲסִידוּת"! דֶרֶךְ אֶרֶץ!

## עֶסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֵת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאבּ גֶעגֶעסְן הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם טֶעלֶער אִין אַ זַייט, אוּן די חֲסִידִים הָאבְּן גֶענוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶענוּמֶען עֶפֶּעס שִׁירַיִם! אָבֶער נָאר גֶענוּמֶען - מִיט אַזַא מִין יִרְאַת שָׁמַיִם - נִישְׁט גֶעכַאפְּט דִי שִׁירַיִם!

וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן שִׁירַיִם - אִיז דָא אַ יְרוּשַׁלְמִי, וָואס שְׁטֵייט דָארְטְן וֶועגְן 'שִׁירַיִים פוּן אַ צַדִיק', דָארְט וֶוערְט דֶערְמַאנְט אַז שִׁירַיִם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ! נָאר וָואס דֶען - נִישְׁט כַאפְּן! דֶער רֶבִּי הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶער טֶעלֶער, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶענוּמֶען עֶפֶּעס, שִׁירַיִם אִיז טַאקֶע אַזוֹי הֵיילִיג, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן - פְלֶעגְט מֶען נִישְׁט כַאפְּן!



אִיךְ גֶעדֶענְק, אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אַ הוּנְגֶער. שַׁבָּת צוּבַּאקוּמֶען אַ בְּרוֹיט - אַ שְׁטִיקְל חַלָּה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מְצִיאָה. אִיז גֶעוֶוען אַמָאל עֶפֶּעס אַ קִדּוּשׁ בַּיי אַ גְבִיר, הָאט אֵיינֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אַנְדֶערְן; 'גֶעבּ מִיר אַ כַאפּ אַ

שְׁטִיקְל מְזוֹנוֹת׳, הָאט דֶער חַבֵר גֶעכַאפְּט פַאר אִים, הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט ר׳ מָרְדְכַי בַּאבְּרִינִיצֶער אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן : "בַּיי אוּנְזֶער טִישׁ זָאל מֶען כַאפְּן"?! שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר עֶס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶער הוּנְגֶער אוּן עֶר פְּרֶעגְט בַּיי אוּנְזֶער טִישׁ זָאל מֶען כַאפְּן?!

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאל ווִיסְן ווִיאַזוֹי אִיךְ לֶערְן ׳דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳, ווָאלְטְן ׳קֵיסָרִים׳ [מְלָכִים] גֶעשִׁיקְט זַייעֶרֶע קִינְדֶער אִיךְ זָאל זֵיי לֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ"! דָאס אִיז אוֹיךְ אֵיינֶע פוּן דִי מַתָּנוֹת ווָאס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי׳ן! חוּץ פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, חֲצוֹת, אִיז אוֹיךְ דָא אַן עֵצָה פוּן ׳דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳ דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי׳ן!




דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז בַּיים עֶסְן, "דַארְף מֶען עֶסְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי ווִי עֶס זִיצְט אַ גָּדוֹל בַּיים טִישׁ"!

הָאט דֶער רֶבִּי פָּשׁוּט גֶעהַאלְטְן, אַז בַּיים עֶסְן זָאל זַיין מִיט אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ, דִי עֶסְן אַלֵיין זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס אַ מִין יִרְאָה, אַזוֹי ווִי ווֶען עֶס זִיצְט אַ גָּדוֹל - אַ צַדִּיק בַּיים טִישׁ, ווֶעל אִיךְ שׁוֹין עֶסְן מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן דֶּרֶךְ אֶרֶץ!

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעווָאלְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן אוֹיף עֶסְן. ווֶען מֶען בְּרֶענְגְט עֶפֶּעס אַ מַאֲכָל צוּם טִישׁ, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן: "דִי עֶסְן טוֹיג נִישְׁט, דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק!" אוֹיב דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט, אָדֶער עֶס טוֹיג נִישְׁט! אַז מֶען הָאט עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּם טִישׁ עֶס אוֹיף אוּן נִישְׁט זָאגְן קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן אוֹיפְ׳ן עֶסְן!

פוּן דֶעם מַאכְט זִיךְ אַ קְרִיגֶערַיי, אוֹיב מֶען זָאגְט פַאר דִי מַאמֶע אַז דָאס עֶסְן טוֹיג נִישְׁט, זִי קָאכְט נִישְׁט גוּט, אָדֶער אַז סְ׳הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם דִי עֶסְן!... - דָאס אִיז ׳תַּאֲוַת אֲכִילָה׳! "נִישְׁט פַארְבֶּעֶנְדִיוֶוען מִיטְ׳ן עֶסְן"! ווָאס מֶען גִיבְּט זָאלְסְטוּ עֶסְן!

דֶער ׳דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳ אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיג גְרוֹיס, בַּיי דִי זְקֵנִים אִיז גֶעוֶוען אַזַא מִין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אֵיינֶער פַארְן צְווֵייטְן! אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קֵיין אוּמַאן, זֶע אִיךְ ווִי אֵיינֶער רוּפְט דֶעם אַנְדֶערְן ׳אִיר׳, ׳אִיר׳! אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער פְלֶעגְט אַ אִינְגְל זָאגְן פַאר אַן עֶלְטֶערֶער אִיד ׳דוּ׳ ׳דוּ׳! אָבֶער בַּיים רֶבִּי׳ן גֵייט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ"! דֶּרֶךְ אֶרֶץ בַּיים טִישׁ, נוֹהֵג כָּבוֹד זַיין ווִיאַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט אַ חַבֵר, אֲפִילוּ ווֶען מֶען רֶעדְט צוּם חַבֵר פְּלֶעגְט מֶעג זָאגְן ׳אִיר׳ [אִיר ווִילְט קוּמֶען? אִיר ווִילְט עֶסְן].

אִיךְ בִּין גֶעוַואקְסְן אִין ׳פּוֹילְן׳, צְווִישְׁן חֲסִידִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן חֲסִידִים איי.. אָבֶער ווֶען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קֵיין אוּמַאן [רוּסְלַאנְד] אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אַ בָּחוּר אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זָאגְן זֵיי מִיר "אִיר"! אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט פַארְווָאס זָאגְט אִיר מִיר ׳אִיר׳ - זָאג מִיר ׳דוּ׳! הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט; ׳דָא גִיבְּט מֶען כָּבוֹד אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן׳! עֶס אִיז גֶעוֶוען דַארְטְן דֶּרֶךְ אֶרֶץ מֶען הָאט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מְכַבֵּד זַיין, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ יְסוֹד פוּן אוּנְזֶער זַאךְ - ׳דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳!

איבערגעארבעט פון א שמועס פון הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער ז"ל

## טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ

מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אִיז אוֹיס גֶעקוּמֶען אַז מֶען גֵייט עֶנְדִיגְן דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן דֶער בֶּעטְלֶער אָן דִי הֶענְט, וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה וֶועלְכֶע אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן דֶער מֶלֶךְ.

דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ אַ וַואסֶערִיגֶע שְׁלָאס וָואס הָאט גֶעהַאט אַרוּם זִיךְ צֶען מוֹיעֶרְן (חוֹמוֹת) אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט אִין אִיר גֶעשָׁאסְן צֶען סָארְטְן פַּיילְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶען אִירְלֵיי (סָארְטְן) סַמִּים.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער סוֹד פוּן קְרִיאַת יַם סוּף. בַּיי קְרִיאַת יַם סוּף שְׁטֵייט "וְהַמַּיִם לָהֶם חוֹמָה" דִי וַואסֶער אִיז גֶעוָוארְן אַ מוֹיעֶר אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן אַרַיינְגֶעשָׁאסְן זֵייעֶרֶע פַּיילְן אוֹיף דִי אִידְן וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַלֶע כּוֹחוֹת הַטֻּמְאָה וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן אַלֶע מִדּוֹת, תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן מְנִיעוֹת צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. (הִלְכוֹת תּוֹלָעִים הֲלָכָה ד)

בִּיז הַיינְט זֶענֶען מִיר נָאךְ נִישְׁט אִין גַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּן דִי פַּיילְן פוּן דִי מִצְרִיִּים. אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מַקְדִּים גֶעוֶוען רְפוּאָה לַמַּכָּה וָואס דָאס הָאט גֶעהָאלְפְן אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי צֶען מוֹיעֶרְן פוּן וַואסֶער, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן, אוּנְזֶער רְפוּאָה אִין אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי עֶס שְׁטֵייט "וַיִּסַּע מַלְאַךְ אֱלֹקִים וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם", רַשִׁ"י אִיז מְפָרֵשׁ אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס זִי בַּאקוּמְט נֶעבֶּען




אַלֶע פַּיילְן וָואס דִי מִצְרִים שִׁיסְן אוֹיף דִי אִידְן אוּן דוּרְךְ דֶעם זֶענֶען דִי אִידְן אַרִיבֶּער דֶער יַם בְּשָׁלוֹם.

פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין אוּנְזֶער מַעֲשֶׂה אַז דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַרַיין גֶעלָאפְן אִינֶעם וַואסֶערִיגְן שְׁלָאס אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסְן שִׁיסְן אִין אִיר דִי אַלֶע צֶען פַּיילְן אוּן צוּם סוֹף אִיז דִי רְפוּאָה גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם בֶּעטְלֶער אָן דִי הֶענְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז "אִיךְ הֵייל זִי" אוּן אִיר רְפוּאָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ שִׁירַת הַיָּם וָואס דָאס אִיז נִמְשָׁךְ גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה וָואס דָאס אִיז שִׂמְחָה.

אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד" שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, וַוייל עֶס אִיז דָא עֲשָׂרָה מִינֵי דְּפִיקִין - קְלַאפֶּענִישְׁן פוּן הָאֶרֶץ אוּן לְעֻמַּת זֶה אִיז דָא צֶען מִינֵי נְגִינָה. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ פְרֵיילֶעךְ אִיז דָאס פַאר אִים אַ רְפוּאָה (תִּנְיָנָא תּוֹרָה כ"ד).

בִּפְרָט יֶעצְט וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב וֶוען עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ" - מֶען זָאל זַיין פְרֵיילֶעךְ יוֹם טוֹב, דַארְפְן מִיר זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן מִיט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשֶׁענְקְט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת אַז מִיר גְלֵייבְּן אִין דִי צַדִּיקֵי הָאֱמֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע גָּלֻיּוֹת בְּעִקָּר פוּן גָּלוּת מִצְרַיִם. מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אוּן צוּ מִיט לֶעבְּן דִי אַלֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז בְּשַׁעַת קְרִיאַת יָם סוּף אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ דִי גְּאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן

בס"ד

# סדר המעמד!

סיום ספורי מעשיות

געלערנט געווארן אויף די סדר פון **"דעם רבינ'ס מעשיות"**

## וואס וועט בעז"ה פארקומען
## ב' דחול המועד פסח

(יום שני) בשעה **1:10** נאכמיטאג

## באולם אוהל פיגא

בית שמש

רחוב אדמו"ר מבעלזא 6

צו אנטייל נעמען ביים סיום דארף מען האבן א קארטל, נאך געלינען קארטלעך

ב: 02-5-3333-72 קנעפל 8

עס וועט זיין צוגעשטעלט בעז"ה קאלטע משקאות און קיכעלעך

**1:10** פתיחת השערים

~~

**1:25** הרה"ח ר' שמעון אליהו ברוין שליט"א

~~

**1:45** גראמען על סיפורי מעשיות משולב עם...

~~

**2:10** סיום ע"י אחד מהילדים החשובים

~~

**2:20** אשרינו שזכינו, א טענצל

**2:30** ניגון לפני התחלת הסה"ק סיפורי מעשיות

~~

**2:40** התחלה ע"י אחד מהילדים

~~

**2:50** דעם רבי'נס משל [איין בעטלער אדער צווייי?]

~~

**3:50** גורלות

~~

**4:00** א ברסלב'ע טענצל

דער מעמד איז פאר קינדער פון כתה ג' ביז בר-מצוה
אויך פאר די וועלכע האבן נישט מסיים געווען די מעשיות

טעל-ליין
02-5-3333-72




טייערע קינדער, בעט א תפלה להצלחת המעמד, שיתקדש שם שמים ושם רבינו בעולם.
א כשר'ן פסח

דעם רבי'נס ליכט